שנה ג'
נומער ק"ח
**פרשת וארא**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל





# 50 יאר געגעבן שיעורים

פרשת וארא תשע"ה
האט מוהרא"ש זי"ע
געגעבן דעם לעצטן
שיעור

נייעס:
**שיעור התחזקות אין היכל הקודש ירושלים**

שיחות הראש ישיבה:
**האבן א מורה דרך אין לעבן**

**עצתו אמונה פארהער**



די לעצטע ברית ביי מוהרא"ש זי"ע בן ר' אשר יעקב בלום הי"ו כ"ב טבת ג' וארא תשע"ה, רעכטס איז דער מוהל ר' אהרן ווייס הי"ו

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
אברהם הערש וועבערמאן
אברהם יצחק אייזנער
יחזקאל שרגא שארף

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוו צו די רעדאקציע

## די דעקל פונעם בלעטל

פאראגאנגענעם וואך האט מען געלייגט אויף דעם קאווער פונעם קרית ברסלב בלעטל א בילד פון די נייע הייזער אין שטעטל, און געשריבן "ברוכים הבאים פאר די נייע משפחות".

איך האב געזוכט אינעם אויסגאבע וואו עס ווערט באשריבן א באריכט פון די נייע הייזער, מער אביסל אינפארמאציע פון די פרטים איבער דעם - אבער איך האב גארנישט געטראפן.

איך טראכט אויב מען לייגט אזא זאך אויף די קאווער זאל מען עס באשרייבן אינעווייניג, אזוי אז מען זאל וויסן מער אינפארמאציע פון די גאנצע זאך ארום און ארום.

איך וויל זיך זייער באדאנקען פאר'ן שיינעם אויסגאבע, איך שרייב אסאך און איך גיב זיך אסאך אפ מיט גליונות, במילא ווייס איך אז עס ליגט דא גאר אסאך כח און צייט.

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעס גוטס.

א ליינער פון קרית יואל

## רעדאקציע נומער

איך האב שוין פרובירט אפאר מאל ארייננצורופן צום רעדאקציע, צו איבערלאזן א מעשה פון תפילה, אדער ארייננזאגן די תירוץ פון די חידה - אבער אן ערפאלג, די נומער ארבעט נישט.

אויב איר קענט זעהן דאס צו פאררעכטן ווי אמשנעלסטן.

א גרויס'ן שכח פאר אייער אויסער געוועגליכע רייכע ארבעט.

א. י. קרית יואל

רעדאקציע: עס איז געווען א טעות מיט איין נומער, די ריכטיגע נומער איז 845-379-1161

# זמנים Liberty

פרשת וארא כ"ח טבת תשפ"ב

הדלקת הנרות.........04:19
מוצאי שבת...........05:51
מנחה מעריב בא .... 05:35

שבת מברכים שבט - ראש חודש שבט יהי' ביום שני
מולד: זונטאג נאכט 23 מינוט און 15 חלקים נאך 2

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו**
**וזוגתו פערל חי' תחי'**
**צו די בר מצוה פון זייער זוהן בנימין זאב נ"י למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה יעקב לעסער הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.
אין זכות פון העלפן דעם רבי'ן אזוי פיל, זאלן זיי געבענטשט ווערן מיט אסאך אידישע נחת.

HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING



• Luxury all inclusive Auto Broker
• Prices reduced below dealer invoiced rates
• Free expedited pickup and delivery nationwide
• Specializing in hard-to-locate cars
• Lowest rate insurance services included
• Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com
Sales@hurleyvilleleasing.com

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

# שטעטל נייעס

## שיינע פשוטע בר מצוה אין שטעטל



די שטעטל איז שוין ברוך השם גרעסער געווארן, און עס הייבט שוין אן צו זיין מער און מער שמחות, דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען די בר מצוה פון הבחור בנימין זאב נ"י בן ר' אשר לעמל זוסמאן הי"ו.

די בר מצוה איז פארגעקומען אין בית המדרש אויף א פשוטן פארנעם, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט דאס שטענדיג מיט אונז, אז מען זאל נישט אויסגעבן געלט (וואס מען האט אפילו נישט) פאר א שמחה, נאר עס פראווען אויף א פשוטע אופן, עס זאל האבן א צורה פון א אידישע שמחה, נישט אזוי ווי אנדערע וואס ווילן זאגן אז דאס איז נאר איינמאל אין לעבן - במילא גיבט מען אויס גרויסע געלטער, אבער ביי אונז אין היכל הקודש לאכט מען פון די אלע זאכן, און מען מאכט זיך נישט טוהן פון די אלע נייע מאדעס..

דער אייבערשטער זאל העלפן דער בר מצוה בחור זאל אויסוואקסן א גרויסער צדיק, און א גאנץ לעבן זיך פרייען מיט די תפילין, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געגליסט צו האבן א זוהן וואס וועט יעדן טאג גיין אין שול מיט טלית ותפילין.

## פרישע פארקינג פלעצער צוגעלייגט ביים בית המדרש



א צייט צוריק איז געווען באריכטעט אינעם קרית ברסלב בלעטל אז מען גרייט זיך צו אויסברייטערן דעם פארקינג פלאץ אין פארנט פונעם בית המדרש, עס האט זיך אביסל פארשלעפט, אבער יעצט איז עס שוין ברוך השם א מציאות.

עס האט גענומען א שטיק צייט אויסצוארבעטן אויף וועלכע וועג מען זאל עס מאכן, עס איז געווען אפאר אפציעס וויאזוי צו אהערשטעלן, מען האט אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה וויאזוי עס וואלט געווען די בעסטע וועג עס זאל ווערן געמאכט, דער ראש ישיבה האט געזאגט מען זאל עס מאכן אויף די וועג וויאזוי מען האט דאס יעצט אהערגעשטעלט, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה באצאלט די גאנצע קאסטן פונעם פארקינג לאט, דער אייבערשטער זאל באצאלן פאר'ן ראש ישיבה מיט אלעם גוטס.

אפאר וואכן צוריק זענען ברוך השם אנגעקומען די בעלי מלכה און זיך גענומען צו די ארבעט פון אוועק נעמען די ביימער און אויסגראדן דעם פלאץ, דערנאך האט מען געגאסן די שטיינער עס זאל גרייט פאר די חשובע מתפללים.

מיט די פארגרעסערטע פארקינג לאט איז צוגעקומען פרישע אכצן פארקינג פלעצער, וואס דאס איז חוץ די ביז יעצטיגע פארקינג לאט וואס האט פלאץ פאר אן ערך פון דרייסיג קארס.

## נייע גמ"ח געפענט

א פרישע גמ"ח האט זיך געפנט אין די טעג, עס זאל זיך נישט מאכן ביי קיינעם, עס פאסירט אמאל ווען ס'איז דא א גליטש אויף די גאסן, און מען כאפט א גליטש רח"ל, מען צוברעכט זיך די פיס, דערנאך קען מען נישט ארום גיין פאר די קומענדיגע וואכן, איז דא לעצטענס א נייע זאך, אזאך סארט סקוטער וואס מיט דעם קען מען ארום פארן, און דאס פארגרינגערט אביסל די אומבאקוועמליכקייטן וואס מען האט.

ביז יעצט איז נישט געווען דא אין שטעטל עס צו באקומען, יעצט קומט אריין די גוטע בשורה אז מען האט געפענט אין שטעטל אזא סארט גמ"ח, ווי מען קען נעמען דעם סקוטער פאר ווי לאנג מען דארף דאס האבן, עס איז דא צו באקומען ביי משפחת לאקס מען קען רופן אויף 845-747-9382

אויך איז דא א גמ"ח ביי משפחת בירנבוים, ווי עס איז דא צו באקומען אלע סארט חפצים פאר קליינע קינדער, ווי למשל קאר סיטס, קליינע קינדער בעטן וכדומה. מען קען רופן משפחת בירנבוים 347-549-5625

היכל הקודש

# נייעס

## צוריק מחדש געווען שיעור התחזקות אין היכל הקודש ירושלים

**ירושלים**



גאר גוטע גריסן הערט מען פונעם שיינעם ווינקל בית המדרש היכל הקודש ירושלים. מען האט צוריק באנייט דעם שיעור וואס פלעגט פארקומען יעדן מאנטאג אויפדערנאכט, אבער יעצט האט מען דאס צוריק באנייט אויף א פארגרעסערן פארנעם, קודם הערט מען דיבורי התחזקות דורך דער גבאי פונעם בית המדרש מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו וואס לערנט פאר ספר 'שיחות הר"ן' - שיחות פונעם הייליג'ן רבי'ן אפגעשריבן דורך רבי נתן זצ"ל, דערנאך פארציילט יעדער איינער א מעשה פון תפילה אדער א מעשה פון הפצה, מען איז זיך מחזק אינאיינעם מיט די שיינע עצות וואס מיר באקומען ביים הייליג'ן רבי'ן.

## געפענט בית המדרש היכל הקודש אין מאנטשעסטער

**מאנטשעסטער**




גאר פרייליכע נייעס קומט אריין פון שטאט מאנטשעסטער, אז נאך א לאנגע צייט בענקען און האפן און בעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען עפענען א בית המדרש היכל הקודש, איז דאס יעצט ענדליך צושטאנד געקומען.

קודם האט מען אנגעהויבן זיך צאמקומען צו שלש סעודות ביי איינע פון אנשי שלומינו אינדערהיים, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס ווערן גרעסער און גרעסער, אזוי אז יעדער איד אין מאנטשעסטער זאל וויסן אויב ער דארף התחזקות איז דא אן אדרעס וואו מען קען דאס טרעפן. מיר ציטירן דא די בריוו וואס דער גבאי פון בית המדרש האט באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א לכבוד דעם עפענונג פונעם בית המדרש.

בעזרת ה' יתברך יום ב' פרשת שמות, ט"ז טבת, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד נחמן שטרול נרו יאיר, מאנטשעסטער

איך האב ערהאלטן דיין בריוו. איך פריי זיך זייער צו הערן די גוטע נייעס, ענדליך נאך אזוי לאנג ווארטן האסטו אנגעהויבן טון צו דער זאך; האסט צאמגענומען אנשי שלומינו אין מאנטשעסטער ביי שלש סעודות, מען האט זיך מחזק געווען מיט די עצות פון רבי'ן, מי יתן דו זאלסט דאס טון מידי שבוע בשבוע; אנהייבן מיט שלש סעודות, נאכדעם אלע תפילות, און אויך אינמיטן די וואך.

איך האב הנאה צו הערן אז דו האסט פארגעלערנט א בריוו פון פרשת ויחי וואס מען האט געשריבן פאריאר פאר תלמידי היכל הקודש ירושלים. באמת זענען אלע בריוו פון עצתו אמונה און איש אמונות געשריבן פאר אלעמען, אלע קענען נוצן די חיזוק פון די בריוו, אפילו די בריוו איז אדרעסירט צו אן אנדערע חבורה וכו' - קען יעדער האבן גוטע חיזוק און וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן. עס איז א גוטע געדאנק פארצולערנען ביי שלש סעודות א בריוו פון עצתו אמונה אדער איש אמונות. זוך אויף א בריוו וואס רעדט פון די פרשה אדער פון די זמן אין וואס מען געפונט זיך, אדער פון די ענין וואס מען רעדט און דאס זאלסטו פארלערנען.

וויסן זאלסטו א גוטע עצה עס זאל נישט ווערן א מקום פון לצים, א פלאץ פון הפקרות - אז דו וועסט מזכיר זיין די נאמען פון מוהרא"ש; יעדע מאל מען רעדט אין שול - זאלסטו זאגן: "מוהרא"ש זאגט", "מוהרא"ש האט געהאלטן", "מוהרא"ש האט דערציילט", - וועלן זיי נישט קומען צו אייך.

בפרט אז דו וועסט זאגן בשם דער ראש ישיבה וכו' - וועט זיין גאר א שטארקער דרך ארץ, ווייל דער לץ וויל אין זאך: 'קיינער זאל מיר נישט זאגן וואס צו טון, איך ווייס בעסער פון יעדן איינעם'; ווען מוהרא"ש האט געלעבט האט מען געציטערט פון מוהרא"ש, די לצים האבן דאס נישט געקענט נעמען, היינט איז שוין אנדערש. איך האף דו פארשטייסט וואס דו האסט צו טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.



# מעשיות פון תפילה

## שלום יוסף ניישטיין - קרית ברסלב:

איך האב געהאט געלאזט מיין טעלעפאון ערגעץ אבער איך האב מיך נישט געקענט דערמאנען וואו.

איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן און איך האב צוגעזאגט פאר'ן אייבערשטן אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה אינעם 'קרית ברסלב בלעטל'.

גלייך נאכדעם האב איך עס געטראפן אויף א פלאץ וואס איך האב בכלל נישט געטראכט אז עס ליגט דארט.!

## שמעון איינהארן - וויליאמסבורג:

"שכח אייבערשטער פאר די מתנה וואס דו האסט מיר געשאנקען, א זיסער אינגל בעיבי."

מיר האבן געדארפט בלייבן אין שפיטאל פאר א שטיק צייט מיט דעם ניי געבוירן קינד, מיר האבן זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אונז זאלן שוין קענען אהיים גיין מיט אונזער בעיבי געזונטערהייט.

דעם פארגאנגענעם ערב שבת פרשת ויחי האט אויסגעקוקט ווי מען גייט אונז שוין אהיימלאזן, אבער אזוי ווי דער זמן איז גאר פרי און איך האב געזאגט פאר די שפיטאל באאמטע אז באלד קומט שוין שבת האט די נורס וואס איז געווען געשטעלט פאר מיין בעיבי מיר געזאגט "דו גייסט נישט זיין אינדערהיים פאר שבת! אונז גייען נישט מאכן קיין אויסנאם פאר ענק וועגן שבת ווערט פרי, ווען די צייט וועט קומען וועט עטץ אהיים גיין". האב איך זיך אנגערופן צו איר: "דו קענסט זאגן וואס דו ווילסט אבער אונז האבן דעם באשעפער וואס ער מאכט אלעס און אים גיי איך בעטן אז אונז זאלן יא קענען אהיים גיין פאר שבת." און איך האב צוגעלייגט "דו וועסט זען, דו אליין גייסט אונז נאך ברענגען דעם צעטל אז מיר קענען אהיים גיין."

איך מיט מיין ווייב האבן זיך געזעצט בעטן און איינרייסן ביים אייבערשטן אז אונז זאלן זיין אינדערהיים אויף שבת. נאך א קורצע צייט קומט די נורס צוריק מיט א פארשעמטע פנים און זאגט: " איך זע אז ענקערע תפילות האבן א שטארקן כח, בעטס פאר מיר אויך". זי האט מיר געגעבן דעם אפיציעלן צעטל אז אונז קענען אהיים גיין מיט אונזער בעיבי'.

שכח אייבערשטער פאר די ריזיגע מעשה פון תפילה!

## אברהם יצחק אייזנער - וויליאמסבורג:

איך האב געקויפט א טייערע זאך אויף עמעזאן ביי א געוויסע קאמפעני נישט פון עמעזאן אליינס.

למעשה האב איך געטראפן א בעסערע פון די זעלבע זאך און פאר ביליגער ביי א אנדערע קאמפעני, און אויך די ערשטע וואס איך האב געקויפט האט נישט געהעריג געארבעט.

איך האב צוריקגעשיקט די ערשטע און איך האב געהאפט אז איך גיי צוריקבאקומען די גאנצע געלט וויל איך האב עס שוין געהאט געעפנט און אסאך מאל געבן זיי נישט צוריק די גאנצע געלט וויל זיי קענען שוין נישט פארקויפן די זאך אלס ניי, ווי אויך קאסט עס זיי געלט צו צוריקפאקן עס צו קענען ווייטער פארקויפן וואס זיי רעכענען אראפ פון מיין געלט.

אזוי ווי איך האב זיך פארגעשטעלט אזוי איז טאקע געווען, זיי האבן נישט געוואלט צוריקגעבן די פולע סכום וואס ס'האט מיר געקאסט, וויל זיי האבן גע'טענה'ט אז די זאך ארבעט געהעריג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא צוריקבאקומען די גאנצע געלט, נאכן בעטן דעם אייבערשטן איז מיר איינגעפאלן אז איך קען אריינגעבן א קלאגע צו עמעזאן אליינס און נישט דורך די קאמפעני, האב איך אזוי געטון.

ווען די קאמפעני האט געזען אז איך האב אריינגעגעבן א קלאגע ביי עמעזאן האט זיי דאס זייער נישט געשמעקט וויל ס'איז נישט גוט פאר זייער נאמען. ממש אפאר מינוט נאך דעם וואס איך האב אריינגעגעבן די קלאגע ביי עמעזאן באקום איך א מעסעדש פון די קאמפעני אז אויב איך צו צוריק פון די קלאגע גייען זיי מיר צוריקגעבן די גאנצע געלט.

שכח אייבערשטער אז וואס מ'בעט דיר באקומט מען.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תּוֹשָׁב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט צוּ זַיין שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ שֵׁיין פְּלַאץ, אַ הֶערְלִיךְ וִוינְקְל; **מֶען שְׁפִּירְט דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**, מֶען שְׁפִּירְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט, דָאס וַוארֶעמְקֵייט - פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן; מֶען דַארְף אַסַאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִין דִי לִיכְטִיגֶע חַבוּרָה אוּן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ לֵצִים, צוּ טוּנְקְלְקֵייט. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעבֶּעטְן (בְּרָכוֹת יז.): "**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ**", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, "**שֶׁתַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן אוֹרָה**", אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ לִיכְטִיגֶער וִוינְקְל, "**וְאַל תַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן חֲשֵׁכָה**", אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ פוּן לֵצִים, אַ פְּלַאץ פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, "**וְאַל יִדְוֶה לִבֵּנוּ**", דָאס הַארְץ זָאל מִיר נִישְׁט וֵוי טוּן, "**וְאַל יֶחְשְׁכוּ עֵינֵינוּ**", אוּן מַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן נִישְׁט פַארְטוּנְקְלְט וֶוערְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן חִיזוּק זִי זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ פַאר דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַרְוִיחַ זַיין דֶערְפוּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

* * *

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָארְקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּר; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, **חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט**, חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן חִיזוּק זִי זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ פַאר דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען - **וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַרְוִיחַ זַיין.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### האבן א מורה דרך אין לעבן

א בחור וואס האט געלערנט אין ישיבה האט געהאלטן געציילטע טעג פאר זיין חתונה, און דער טאטע פונעם חתן האט אנגערופן דעם ראש ישיבה שליט"א פרעגן, דער אבי הכלה האט געבעטן אז דער חתן זאל זיך אנטון ווייסע זאקן (ביי דעם חתנ'ס צד גייט מען נישט אזוי), און ער ווייסט נישט וואס צו טון, ווייל דער מחותן האט זיך דאס נישט אויסגענומען פאר'ן שידוך.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דיין פראבלעם איז נישט צי דער חתן זאל יא, אדער נישט אנטון ווייסע זאקן, די פראבלעם איז אז דער חתן קומט נישט אליין פרעגן וואס ער זאל טון, ער לערנט שוין עטליכע יאר אין ישיבה און ער איז קיינמאל נישט געקומען פרעגן פון זיין ראש ישיבה א שאלה; דאס איז דער פראבלעם, וואס וועט ער טון נאך זיין חתונה? ווער וועט זיין, זיין מורה דרך?!"

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט פאר א שדכן: "דו ווילסט וויסן ווער עס איז א גוטע בחור? א בחור וואס האט א רבי וועם ער פרעגט זיינע שאלות, אפילו ער האט א סמארטפאון, און ער האט נישט קיין בארד וכו', דער איז א בחור וואס קען גיין צו די חתונה; א בחור וואס האט נישט א רבי וועם ער פרעגט זיינע ספיקות קען ער גיין אנגעטון חסידי'ש, מיט א גרויסע טלית קטן - דער איז אין א סכנה..

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה ט״ז חֶשְׁוָן ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים זֶענֶען מַעֲבִיר עַל הַדָּת יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע מִילְיָאנֶען נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אִין דִי שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל וִוי מֶען רַייסְט אוֹיס דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה, אוּן וִויפִיל מֶען דֶערְצֵיילְט אוּן וִויפִיל מֶען רֶעדְט אִיז אַלְץ גָארְנִישְׁט אַקֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט בְּחוּשׁ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צוּ דְרִיקְן וָואס מֶער קוּנְטְרֵסִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן עֶס אַרָאפְּלָאזְן וָואס מֶער אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ׳ן שְׁפְּרַאךְ, וָואס דָאס אִיז מְקָרֵב דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף נִישְׁט הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַדְרַבָּה מֶען דַארְף זֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען קֶען, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אוּנְז אַוַדַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמַאר זי״ע אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אָבֶּער נָאךְ וִוי גֶערֶעכְט, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס דַארְפְן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן ״רַע-בָּנִים״ אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? נָאר וֶוער ס׳קֶען דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, בַּיי זֵיי אִיז אַ רָב הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, ״כְּבוֹד הָרַב״ הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, טָאר מֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, אֵיי זֵיי זֶענֶען עַמֵּי הָאֲרָצִים גְמוּרִים, קַלִּים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים! דָאס זֶענֶען רַבָּנִים? נָאר כְּדֵי מַעֲבִיר זַיין עַל הַדָּת מוּז מֶען הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס עֶר הֵייסְט אַ רָב, אוּן זֵיי טוּעֶן שׁוֹין דִי אַרְבֶּעט גוּט, אַזוֹי וִוי אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא אַ קַל שֶׁבְּקַלִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה כְּשֵׁירָה רַחְמָנָא לִיצְלָן הָאבְּן אַלֶע עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִיסוּר כְּרִיתוּת, דִי עֵירוּב הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארֶערְכְטְן אִיז גֶעוֶוען אִיסוּר סְקִילָה, טְרֵיפוֹת מִיט נְבֵילוֹת וֶוערְט פַארְקוֹיפְט בְּרֵישׁ גְלֵי, אוּן אַלְץ מִיט אַ הֶכְשֵׁר פוּן דֶעם רָב (שְׁטְרָאף), אוּן דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין מֵעִיד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוּן זֶע דָא, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אֱמוּנָה.

דַאנְקֶען גָאט אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צוּ צֶעשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לֶעכְט, וּבִפְרַט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צְוִוישְׁן דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת מֶען הָאט זֵיי מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָּת אִיז זֵיי זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי אֱמוּנָה.
אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ וָואס צוּ שְׁרַייבְּן וָואס דָא טוּט זִיךְ אָפּ אִין יַבְנְאֵל, אָבֶּער מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר קוּרְץ, אוּן אִיךְ מוּז הַיינְט צוּרִיק פָּארְן, וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אַ לֶענְגֶערֶע בְּרִיוו.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם

## א מעשה פון הפצה

יעקב משה אינדארסקי:

איך וויל דאנקן דעם אייבערשטן ברבים פאר די גרויסע זכי׳ וואס ער האט מיר געגעבן, אז איך קען מאכן הפצה יעדן איינציגן וואך אינעם שטעטל.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען די שטעטל האט זיך געעפענט, עס האבן נאכנישט געוואוינט קיין סאך משפחות, דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט איך זאל ארום גיין צו אלע משפחות ערב שבת און געבן די וועכנטליכע גליונות וואס קומט ארויס.

דעמאלטס איז עס נאכנישט געווען קיין סאך ארבעט, אבער יעצט צוויי יאר שפעטער איז די שטעטל שוין סאך גרעסער ווי דעמאלטס, און אלע וואוינען אפגעריקט איינער פון צווייטן - איש על מחנהו ואיש על דגלו.

אסאך מאל קומט אריין מחשבות אין קאפ ״דארפן דען אנשי שלומינו אזוי וויכטיג די גליונות יעדן וואך, אפשר איז עס בכלל נישט קיין הפצה״.

איך האב מיר אבער איבערצייגט אז עס נישט אזוי, ווייל עס מאכט זיך אמאל ווען מען פארגעסט בטעות צו געבן די גליונות ביי איין אדער צוויי משפחות, דאן באקום איך א רוף פון דעם אינגערמאן ״היתכן מען האט נישט געברענגט די וואך די גליונות, די גאנצע משפחהווארט שוין אויף דעם, מען שטייט און מען קוקט ביי די פענסטער ווען עס וועט שוין קומען די ווייסע קאר און ברענגן די גליונות״.

הפצה איז נישט נאר אינדרויסן, נאר די משפחות אינעווייניג אין היכל הקודש דארף מען אויף מפיץ זיין יעדע וואך, ווייל אן התחזקות קען א מענטש נישט אנגיין אינעם לעבן, נישט קיין חילוק ווער דאס איז.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפּ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## ברסלב סענטער סטאר איבערגעפרישט

אין די לעצטע האלבע יאר זינט דער ברסלב סענטער וועבסייט האט געעפענט דעם אנליין סטאר, האבן שוין פילע הונדערטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט נהנה געווען פון דעם געוואלדיגן סערוויס, ווי מען קען אריינשפאצירן אינעם הערליכן סטאר פיר און צוואנציג שעה א טאג און זיך ארומקוקן אויף די פילע פאליצעס און זיך אנזעטיגן פונעם רייכן אויסוואל און שיינע סדר פון ספרים, סידיס, קונטרסים, קארטלעך, דרשות, בילדער און נאך פילע פראדוקטן אויף אידיש, ענגליש, לשון הקודש און נאך.

אזוי אויך קען מען דארט קויפן פילע ספרים פון הייליגן רבי'ן, פון רבי נתן, פון מוהרא"ש, און פונעם ראש ישיבה, אויף אלע ענינים פאר מענער, פרויען, קינדער, ימים טובים, מידות טובות, תפילות, סגולות, שלום בית, שמירת עינים, און נאך אסאך, מען לייגט אריין אינעם "וועגעלע" און מען קויפט איין פאר שפאט ביליגע פרייזן, און מען באקומט עס צוגעשיקט צום טיר אין בלויז עטליכע טעג.

דער שטאב פונעם ברסלב סענטער סטאר איז אבער נישט געשלאפן אין די לעצטע האלבע יאר, מען איז געזיצן מיט געלונגענע וועב דעוועלאפערס און פאראכטן, איבערגעמאכט, צוגעלייגט, פארבעסערט און פארשענערט איבעראל וואו עס האט נאר אויסגעפעלט.

ברוך השם, דער נייער הערליכער איבערגעמאכטער געשעפט איז שוין פארטיג געווארן צו יעדנ'ס צופרידנהייט, און די טירן פונעם נייעם סטאר איז שוין ברוך השם ברייט אפן, און איז פארנומען מיט ערפילן און שיקן די פילע ארדערס פון די קאסטומערס איבער די גאנצע וועלט.

**אדרבה איבערצייגט אייך אליין!**

# בילדער פון קרן הדפסה



הונדערטער אידישע קונטרסים ארויס פון דרוק


אויפגעכאפטע גליון "סיפורי מעשיות" ווערט געדרוקט



מען דרוקט איבער ספר "אוצר הקדושה" פון מוהרא"ש זי"ע

### אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**משה גאטליעב**
קרית יואל

**שכנא גפן**
מאנסי

**יעקב היילפרין**
סטעטן איילענד

**מאטי היימליך**
קרית ברסלב

**אברהם חיים וויזעל**
קרית יואל

**יצחק משה רייך**
בארא פארק

**יעקב ווערצבערגער**
וויליאמסבורג

**אברמי שטערן**
קרית יואל

**אפרים נובוגרודסקי**
לאנדאן

**שמשון הערש טייטלבוים**
קרית ברסלב

**יעקב שאול פיש**
בארא פארק

**הרוצה בעולם שמו**
וויליאמסבורג

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

whatsapp: **518.966.2370**

# א מעשה
## פון א צדיק



## דער הייליגער אפטער רב זי"ע

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַ שְׁטֶעטְל לֶעבְּן אַפְּטָא אַ מְשׁוּמָד, וָואס מֶען הָאט פוּן אִים גֶעלִיטְן מוֹרָא'דִיגֶע צָרוֹת, וִויבַּאלְד עֶר אִיז דָאךְ גֶעקוּמֶען פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַלֶע אִידִישֶׁע מִנְהָגִים, הָאט עֶר גֶעקֶענְט גוּט פַאר'מַסָרְ'ן פַאר דִי גוֹיִם, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע [אוּן פוּן אַזַאלֶעכֶע פַארְשׁוֹינֶען הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מֶערְסְטֶע גֶעלִיטֶען].

הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעמָאלְטְס אַז אַ שִׁיקְסֶע וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט בַּיי אַ אִיד אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן, אוּן וִוי עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ בְּלוּט-בִּלְבּוּל אוֹיף דִי אִידְן אַז מֶען הָאט אִיר גֶע'שָׁחְטְ'ן אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי בְּלוּט אִין דִי מַצוֹת וְכוּ', אוּן בַּיים זִיצוּנְג מִיטְן צַאר אוּן אַלֶע מִינִיסְטָארְן, הָאט מֶען פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה: מֶען זָאל אַרוֹיסְוַוארְפְן אַלֶע אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן וֶועם מֶען קֶען הַרְגֶ'ענֶען וֶועט מֶען הַרְגֶ'ענֶען.

דֶער מְשׁוּמָד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מִינִיסְטֶער אִיז דָארְט גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען זַיין רֵייעֶ צוּצוּשְׁטִימֶען צוּ דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, הָאט פַּאסִירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג עֶרְוֶועקְט אִין אִים דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד, אוּן דָארְט בַּיים פַּארְלַאמֶענְט פוּנֶעם צַאר הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בִּיז יֶעצְט אוֹיף דִי אִידְן אִיז אֱמֶת, אָבֶּער נִישְׁט דָאס! אִידְן לֵייגְן נִישְׁט אַרַיין קַיין בְּלוּט אִין דִי מַצוֹת! וַוייל זֵיי טָארְן נִישְׁט עֶסְן קַיין בְּלוּט. אוּן מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט, אוּן גוּט גֶעוואוּסְט זַיין שִׂנְאַת יִשְׂרָאֵל, מִמֵילָא זֶענֶען דִי אִידְן בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעראַטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה דוּרְךְ אִים.

דוּרְךְ דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה, אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּהְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן אִידְן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מָסוּר אוּן גֶערֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיף אִידְן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן מִיט אִים קַיין שַׁייְכוּת, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל אִים וַוייזְן וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין דָא מַאכְן עֶפֶּעס אַ בִּלְבּוּל אוֹיף אִים, הָאט עֶר אִים אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּ אַלְט, לָאזְט מִיר אָפּ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נֵיין רֶבִּי, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן!

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן, וֶוער וֵייסְט צוּ עֶר וִויל פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ בִּלְבּוּל, אַז דֶער רַבִּין הָאט מִיר צוּגֶערֶעדְט אִיךְ זָאל אִיבֶּער לָאזְן יָאשְׁקֶע אוּן צוּרִיק וֶוערְן אַ אִיד. הָאט עֶר אִים שְׁטֶענְדִיג אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, בִּיז דֶער מְשׁוּמָד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען: רֶבִּי! אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן... אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב אִים גֶעגֶעבְּן אַפָּאר הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּ דֶעם רָב וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהְן. אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אֲפִילוּ אַ מְשׁוּמָד קֶען זִיךְ אִין אִים אָנְצִינְדְן דִי נְקוּדַת הַיַּהֲדוּת - דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד, אוּן מֶען קֶען אִים אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען.

(קונטרס "ווער איז דער חסיד?!")



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 15

**פארזעצונג פון פריער:**

דֶער רֶבִּי הַאלְט זִיךְ אוֹיף בַּיי דֶעם צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע, און דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט פַאר דֶעם צַדִיק

...

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען סַיי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, סַיי שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת. וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק עֶר זָאל גֵיין קוּקְן אוֹיבּ מְ'זֶעט שׁוֹין דִי שְׁטֶערְנְס אִינְדְרוֹיסְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, גֶעמַאכְט הַבְדָלָה, אוּן גֶענוּמֶען זַיין לוּלְקֶע, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין צוּ רֶבִּי זְאֵב.

דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דֶעם שָׁלשׁ סְעוּדוֹת טִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן דִי גְרוֹיסֶע רֶבִּי'ס, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אַרַיינְקוּמֶען אָן קַיין הוּט, אָן קַיין גַארְטְל, אוּן מִיטְ'ן לוּלְקֶע אִין הַאנְט. אוּן רֶבִּי זְאֵב הָאט אִים גְלַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב אוּן גֶעמַאכְט הַבְדָלָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת זַייעֶנְדִיג דָארְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט דָארְט מִיט אַסַאךְ קַטְנוּת. מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער דָארְט בְּלַייבְּן, אַז עֶר וֶועט דָארְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער גֶעטוּן מִיט אִים דָארְט אַסַאךְ נִסִים, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי קַטְנוּת הָאט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֵבֶר פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַפְתָּלִי כַּ"ץ זי"ע, דֶער בַּעַל סְמִיכַת חֲכָמִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל אִיז עֶר דָארְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּם כ"ו טֵבֵת שְׁנַת תע"ט, אוּן מְ'הָאט אִים דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין הֵיילִיגְן קֵבֶר, אוּן גֶעטוּן דָארְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן זַיין קֵבֶר, אִיז עֶר פְּלוּצְלִינְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אִיז אַזוֹי גֶעלִיגְן פַאר אַסַאךְ שָׁעוֹת. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט, אוּן עֶר אִיז גֶעלִיגְן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז צוּמָארְגְנְס אִינְמִיטְן טָאג. עֶר אִיז גֶעלִיגְן אַזוֹי קְרַאנְק וִוי עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיים אוֹיסְגֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן קוּמֶען צוּ זִיךְ.

[טֵייל זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דֶער צַדִיק הָאט גֶעוָואלְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל בַּאעֶרְדִיגְט וֶוערְן נֶעבְּן אִים, וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט זַיין דָארְט אַלֵיין, "וַוייל סְ'אִיז מִיר עֶלְנְד דָא"].

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה אוֹיפְ'ן יַם. אוּם כ"ח סִיוָן הָאט דֶער קֵייזֶער נַאפָּאלְיָאן פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ בַּאזִיגְט דִי עֶנְגְלֶענְדֶער, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם אִינְזְל מַאלְטַא וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִינֶעם מִיטְלְלֶענְדִישְׁן יַם. אוּם י"ז תַּמוּז אִיז נַאפָּאלְיָאן אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, אוּן אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער, י"ח תַּמוּז, הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען אַלֶעקְסַאנְדְרִיֶע, אוּן אוּם ח' אָב הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע לַאנְד מִצְרַיִם. אָבֶּער נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער, אוּם י"ט אָב, הָאבְּן דִי עֶנְגְלֶענְדֶער זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער דִי פְרַאנְצוֹיזְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפִירְט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אִינֶעם טַייךְ נִילוּס, זֵיי הָאבְּן בַּאוִויזְן צוּ זִינְקֶען אַלֶע פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע שִׁיפְן, אוֹיסֶער צְוֵויי.

דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן אֱלוּל, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין אִיסְטַאנְבּוּל אִין טֶערְקֵיי, הָאט טֶערְקֵיי אוֹיסְגֶערוּפְן מִלְחָמָה קֶעגְן דִי פְרַאנְצוֹיזְן, וַוייל מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער זֵייעֶר הֶערְשַׁאפְט. וֶוען דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דִי מִלְחָמָה רוּקְט זִיךְ צוּ זֵיי, אַז דִי פְרַאנְצוֹיזְן קוּמֶען צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן יַם, הָאט דִי אִידִישֶׁע קְהִלָּה נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט קַיין שׁוּם אִיד אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטָאט, אַרוֹיסְצוּפָארְן אוֹיפְ'ן יַם.

דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, "זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין גְרֵייט זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אֲפִילוּ אִין גָאר גְרוֹיסֶע אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע סַכָּנוֹת, אָבֶּער אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טוּן אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן. דֶערְפַאר, אוֹיבּ וִוילְסְטוּ, קֶענְסְטוּ נֶעמֶען גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן אוּן צוּרִיק פָארְן אַהֵיים בְּשָׁלוֹם, אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ פָארְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אָן דֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן אִיסְטַאנְבּוּל זָאלְן וִויסְן דֶערְפוּן, וַוייל מִיךְ אַלֵיין בִּין אִיךְ מַפְקִיר, זָאל זַיין וָואס סְ'זָאל זַיין".



# א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה

חלק א'

### ~ פרשת ויחי תשפ"ב ~

יישר כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת פרשת ויחי. עס איז געווען א הערליכע סעודה, עס איז געווען אזוי שיין צו זען ווי דער ראש ישיבה מאכט די סעודות אזוי פרייליך און געשמאק.

פאר די סעודה האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "איך האב היינט געקוקט ווי אזוי שמעון גייט אין גאס, און איך האב געזען אז ער האט שמירת עינים - ער קוקט אראפ, יעצט קען איך שוין זוכן א שידוך פאר אים, ווייל אז מען האט שמירת עינים קען מען שוין חתונה האבן".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין קינד יוסף נ"י, "דו ווייסט וואס מען דארף טון פאר קידוש? מען דארף תשובה טון". מען דארף זאגן פאר'ן אייבערשטן "איך גיי שוין זיין גוט." און דער ראש ישיבה האט זיך גלייך אנגערופן "הייליגע באשעפער איך גיי שוין זיין גוט און אנגעהויבן יום השישי".

נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו די סינק וואשן די קינדער. אפאר קינדער האבן זיך נישט אזוי גוט געפילט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז "יעדער וואס פילט נישט גוט זאל וויסן אז די שבת'דיגע עסן היילט אויס".

דער ראש ישיבה האט געוואשן אלע קינדער, געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געהייסן פאר איינע פון די קינדער אריינברענגען די פיש. דער ראש ישיבה האט געזאגט 'לכבוד שבת קודש' און נאך דער פיש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב אז די חלה און די פיש איז געווען זייער פיין.

מען איז אריין אין א שמועס וועגן דער ראש ישיבה'ס נסיעה אויף ארץ ישראל, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער ווייסט נישט ווי אזוי דער יונגערמאן מנחם שטיינבערג ני"ו האט געוואוסט אז איך פאר קיין ארץ ישראל, און ער איז מיט געקומען מיט די נסיעה, ער האט פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז ער פלעגט יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן ער זאל קענען מיטפארן מיט דער ראש ישיבה ווען דער ראש ישיבה וועט פארן קיין ארץ ישראל, און ער איז טאקע מיטגעפארן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה האט געגעסן די זופ און געזאגט "לכבוד שבת קודש". דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז יעדע מאל מען זאגט 'לכבוד שבת קודש' ווערט באשאפן א מלאך.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מען איז אמאל געקומען זאגן פאר רבי נתן אויף א געוויסע צדיק אז ער איז געווארן בלינד ווייל ער האט אזוי' פיל מאל געזאגט 'לכבוד שבת' און יעדע מאל מען זאגט לכבוד שבת ווערט באשאפן א מלאך. האט ר' נתן געזאגט "יא, יא, יעדע מאל מען זאגט לכבוד שבת ווערט באשאפן א מלאך". דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז רבי נתן האט געמיינט צו זאגן אז א טייל פון די מעשה איז אמת, דאס אז יעדע מאל מען זאגט לכבוד שבת ווערט באשאפן א מלאך - דאס איז טאקע אמת.

דער ראש ישיבה האט געבעטן אז מען זאל ברענגען נאך זופ פאר איינער פון די קינדער וואס האבן נישט אזוי גוט געפילט, ווייל זופ איז זייער געזונט עס היילט אויס, און די ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז די מייערן און לאקשן פעלט נישט אויס.

מען האט געשמועסט וועגן די סעודה לעצטע

<<<<

וואך ווען דער ראש ישיבה איז נישט דא געווען, אז עס איז געווען זייער פרייליך, און אז די קינדער האבן געמאכט גראמען ביי די סעודה. דער ראש ישיבה האט זיי געבעטן צו איבערזאגן די גראמען וואס זיי האבן געזאגט לעצטע וואך, און דער ראש ישיבה האט זיי געגעבן אסאך אויפמערקזאמקייט (אטענשטן), און געזאגט פאר איינע פון די קינדער אז ווען ער ווערט גרויס קען ער ווערן א גראמער...

מען האט געשמועסט אז די וואך איז געווען א צוזאמקום אין איינע פון די באקאנטע היימישע שטעט, און מען האט אנגעזאגט פאר די מאמעס אז זיי זאלן רעדן צו די קינדער פון זיך אפשערן נאך די חתונה, ווייל אכציג פראצענט פרויען שערן זיך נישט אפ די האר, און צוואנציג פראצענט פארבן די האר צו א אנדערע קאליר. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אין שטעטל איז דא אכציג משפחות און אלע שערן זיך אפ, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מוהרא"ש פלעגט אלץ שטאלצירן מיט יבניאל עיר ברסלב אז אלע פרויען שערן זיך דארט אפ, אבער ליידער היינט איז שוין נישט אזוי רח"ל.

מען האט געשמועסט וועגן די מעשה פון הייליג'ן צאנזער רב זי"ע, ווען זיין טאכטער האט חתונה געהאט איז געווען א גזירה אז מען טאר נישט חתונה האבן, האט מען געזאגט אז זי זאל זיך נאכנישט אפשערן - אזוי וועט מען נישט וויסן אז זי האט חתונה געהאט, און נאר ווען זי קומט אן צו די שטאט ווי זי וועט וואוינען זאל זי זיך דארט אפשערן.

ווען דער צאנזער רב האט געהערט פון דעם האט ער גלייך גע'חלש'ט. מען האט אים פרובירט צו דערמונטערן אבער עס איז נישט געגאנגען. ווען זיין טאכטער האט געזען וואס גייט פאר, איז זי אריין אין א אנדערע שטוב און זיך שנעל אפגעשוירן און געברענגט די האר צו איר טאטע, "קוק איך האב מיך אפגעשוירן", און נאר דעמאלטס האט מען אים געקענט דערמונטערן.

די פיר יעריגע יוסף נ"י האט געברענגט זיין עברי' צעטל פון חדר, און דער ראש ישיבה האט אים אויסגעהערט ווי ער זאגט עס. און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יוסף איז א הייליגע נשמה, ער איז נישט געווען אין חדר די וואך ווייל ער פילט נישט גוט און נאך אלס דאווענט ער און לערנט, ער זאגט די עברי'.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט יוסף נ"י, וואס ווילסטו טון ווען דו וועסט זיין גרויס, ווילסט זיין א צדיק אדער ווילסט זיך ארומדרייען און זיין מעכטיג? האט ער געענטפערט אז ער וויל זיין א צדיק. האט דער ראש ישיבה עס איבערגעזאגט הויך פאר זיין ווייב, און דער ראש ישיבה האט געזאגט "ש'כח אייבערשטער אז מיינע קינדער לערנען און דאווענען".

נאך די פלייש זענען ארויפגעקומען אפאר בחורים צו די באטע, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די בחורים אויב מען האט געזינגען ביי די סעודה די ניגון חסדי השם, ווייל זיין שוועסטער'ס בעיבי איז אהיימגעקומען פון שפיטאל. האט ער געזאגט אז ניין. האט דער ראש ישיבה זיך זייער געוואונדערט און אים איבערגעפרעגט אפאר מאל, ווי אזוי קען זיין אז דער אייבערשטער האט געמאכט אזא נס און מען האט נישט געזינגען חסדי השם? וועל איך זינגען חסדי השם אנשטאט ענק. און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען חסדי השם, און געטאנצן.

דער ראש ישיבה האט געהאלטן דעם קליינעם יחזקאל נ"י און ער האט געשלעפט די ראש ישיבה'ס פיאות, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן מיט א שמייכל: ווער ווייסט פארוואס א מאמע האט נישט קיין בארד? אז די בעיבי זאל עס נישט שלעפן, ווייל די מאמע איז באשעפטיגט מיט די קינדער א גאנצן טאג.

דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט איינע פון די בחורים וואס זענען ארויפגעקומען, און יענע בחור האט פארציילט אז זיין ברודער פלעגט אמאל זיין אין היכל הקודש, אבער ער פלעגט זיך טענה'ן מיט מענטשן, ביז איין טאג איז ער אוועקגעגאנגען. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען דארף זייער אכטונג געבן זיך נישט צו טענה'ן מיט קיין מענטשן, און דער ראש ישיבה האט פארציילט: ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש פלעגן מענטשן פרובירן זיך צו טענה'ן מיט מיר אבער איך האב אויסגעהערט און געבליבן שטיל.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# בילדער
## אפטיילונג




קרית ברסלב שאטל פארט ארום אין די גאסן פונעם שטעטל



מנהל המוסדות ר' אברהם משה שטראססער שליט"א בייס
באזוכן תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל - יום ה' שמות





חבורת היכל הקודש אין שטאט לאנדאן
רעכטס: ביי א צאמקום פארגאנגענעם יום טוב חנוכה . לינקס: פילע ספרים גרייט פאר הפצה.





שיעור התחזקות בייס חבורה היכל הקודש בני ברק דורך ר' יצחק לעססער שליט"א - יום ג' שמות



# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## אַסַאךְ מִצְוֹת

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פְּלֶעגְט אִים זַיין מַאמֶע גֶעבְּן גֶעלְט עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן גוּטֶע זַאכְן, דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶענוּצְט דִי גֶעלְט צוּ קוֹיפְן נַאשׁ, פְּרֵייזֶעס אוּן גוּטֶע זַאכְן, עֶר פְּלֶעגְט גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר זַיין רֶבִּי אִין חֵדֶר עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים נָאךְ מֶער וִוי אַלֶע קִינְדֶער.

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶעוָואלְט טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אִין שׁוּל; דָארְט אִין שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע. נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶ'ם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַרַיינְלֵייגְן אוֹיף אֵיין מָאל דִי גַאנְצֶע מַטְבֵּעַ וֶועל אִיךְ הָאבְּן נָאר אֵיין מִצְוָה, אִיךְ וִויל דָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת', הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה, אִיךְ וֶועל אוֹיפְטוֹישְׁן דִי מַטְבֵּעַ אוֹיף אַסַאךְ פְּרוּטוֹת, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אֵיין פְּרוּטָה אוּן נָאךְ אַ פְּרוּטָה אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ פְּרוּטָה - אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ מִצְוֹת'.




נָאךְ אַ פְּרוּטָה אוּן נָאךְ אַ פְּרוּטָה

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶענוּמֶען דִי מַטְבֵּעַ אוּן עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אוֹיף אַסַאךְ פֶּענִיס אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סִידוּר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" אוּן גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד, עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אַ פֶּענִי אִין פּוּשְׁקֶע, נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אוּן נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ פְּרוּטָה, אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֶעטוּן אַסַאךְ מָאל; עֶר הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ מָאל דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

קִינְדֶער, עֶטְץ וֵוייסְט וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם נַחְמָן? וֶוער וֵוייסְט? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי! ווייל וֶוען מֶען טוּט אַסַאךְ מִצְוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת וַואקְסְט מֶען אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

# טרעף

די פאלגנדע ווערטער 2 מאל

## ווען מען טוט אסאך מצות בתמימות ובפשיטות וואקסט מען אויף א גרויסער צדיק

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | כ | ג | ל | ו | ג | ב | ה | ג | ה | ב | כ | פ | ק | ק | ב | ק | מ | ג | ב |
| ג | ח | ש | ו | א | ד | ט | ד | נ | נ | ת | כ | א | ד | י | פ | מ | צ | ט | א |
| ו | ע | ע | ו | ע | ח | ו | נ | ע | ע | מ | ע | נ | ס | ז | ד | מ | ו | כ | ע |
| ו | נ | ש | ע | ד | ט | ט | מ | ו | ט | י | ז | ט | ה | א | ל | צ | ת | ר | ר |
| ט | ק | ת | ב | ת | מ | י | מ | ו | ת | מ | ש | פ | ה | צ | כ | נ | י | א | ר |
| ס | ז | ה | א | כ | צ | ק | ט | ז | א | ו | כ | ב | ש | נ | ג | א | מ | ע | נ |
| ק | ו | ר | ד | ו | ל | ר | נ | ו | ה | ת | ר | ע | י | ב | ע | ג | ס | ע | ט |
| א | ש | צ | ס | א | י | ט | י | ה | ד | ח | ד | צ | ת | ח | ז | י | מ | ל | ע |
| ו | ס | מ | מ | ו | ב | פ | ש | י | ט | ו | ת | ד | ק | ס | ו | ה | ק | ז | ק |
| ו | ו | א | ק | ס | ט | ו | א | ט | ר | ע | ס | י | ו | ר | ג | ב | ת | ה | ר |
| ט | נ | מ | כ | ו | ס | מ | מ | צ | ו | ת | ב | ק | ג | ת | ש | ה | כ | מ | צ |



העלף נחמן
נתן אנקומען
צום צדקה
פושקע!





# א
# שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**ו. עַל יְדֵי שֶׁקֶר בָּאִים הִרְהוּרֵי עֲבוֹדָה זָרָה**

**טייטש.** דוּרְךְ לִיגְנְט קוּמְט מֶען צוּ, צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבוֹדָה זָרָה

**פירוש.** [אַז מְ׳זָאגְט לִיגְנְט, בְּרֶענְגְט דָאס אַז מְ׳זָאל טְרַאכְטְן פוּן עֲבוֹדָה זָרָה]

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 6 | |
| 3 | | | | | |
| | 2 | | | 3 | |
| 6 | | | 4 | | |
| | 1 | | 3 | | 4 |
| | | | | | 5 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 3 | 2 | 1 | | 5 | | 9 | 4 | 7 |
| 7 | 8 | | | 1 | | | 6 | 5 |
| | | 6 | 7 | | 4 | 1 | | |
| 5 | 4 | 9 | | | | 7 | 8 | 6 |
| | | | | | | | | |
| | | | 9 | | 6 | | | |
| 1 | | 5 | | 6 | | 4 | | 2 |
| | 3 | | 2 | | 7 | | 5 | |
| 2 | | 7 | | 4 | | 8 | | 3 |



# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: זאגן תהלים איז מסוגל?**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. פאר תשובה
ב. פאר שמחה
ג. פאר קדושה
ד. פאר א ריינע מח

לאזונג און געווינער פון פאריגע וואך:

לאזונג: **ווען האט מוהרא״ש געזאגט די סגולה פון זאגן 40 טעג מסכת זומער תשע״א**

געווינער:

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**יעקב קאפלשטעטער - אנטווערפן**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת שמות?

## פון רעכטס צו לינקס.

3. נישטא בעסערס ווי זיך _____ דאס הארץ צום אייבערשטן

5. אז מיר וועלן רעדן, זינגען, און דאנקען דעם אייבערשטן וועלן מיר ווערן גרויסע _____

8. טו אלעס אין די וועלט עס זאל זיין שלום אין _____

9. מען דארף זיין א גרויסער _____ביים דינען דעם אייבערשטן

12. _____ איז גרעסער פון יעדע עבודה

13. אז עס איז דא דרך ארץ איז דאס א סימן פון _____ _____

14. ווער עס קומט צום רבי'ן ראש השנה, שבת חנוכה, און שבועות ווערט ניצול פון _____ _____

17. ביים הייליגן רבי'ן איז געווען _____ _____ זייער א וויכטיגע זאך

19. בעטס פאר _____ טעג אין איין צו, וועט איר זען א ישועה

21. אז מען חזר'ט אמונה ווערט מען פטור פון _____

## פון אויבן אראפ.

1. ווער עס וויל תשובה טון, זאל זאגן _____

2. באהאלטענע צדיקים העלפן מענטשן און קיינער ווייסט נישט פון זייערע _____

4. אז מען גייט נאך דעם רבי'ן, קען מען אריבערגיין אלע שלענג, קליפות, און _____

6. אזויפיל אידן זאגן אז די _____ איז זייער גאנצע חיות

7. רעד נישט קיין תורות, פלפולים, נאר ווערטער פון _____

10. פרובירט מיט אלע אייערע כחות צו זיין _____

11. וואס מער מען _____, אלץ מער כח באקומט מען

12. דער רבי פלעגט אונז מבזה זיין פארוואס מיר זענען נישט עוסק אין _____

15. דער רבי דארף נאר מען זאל _____ זיין גוט

16. שיק אים יעדן טאג א מעסידזש ער זאל דיר _____

18. שובבי"ם פלעגט רבי נתן זאגן דעם יום תהלים _____ מאל א טאג

20. בארגן נאר וויפיל מען וואלט יענעם _____



# בילדער
## ארכיוון

## מוהרא"ש זי"ע ביים געבן שיעורים די לעצטע 50 יאר



ביים געבן א שיעור אין די סוכה




ליל ששי שיעור אין היכל הקודש בארא פארק אין די ס' יארן



ביים געבן א שיעור אין ישיבה תפארת התורה אין יאר תש"ע



שיינע שמועסן נאך א ליל ששי שיעור



ביים געבן א שיעור פאר די בחורים אין בארא פארק



ביים געבן א שיעור אין ישיבה תפארת התורה אין סקילמאן

# בילדער
## ארכיוון

## מוהרא"ש זי"ע ביים געבן שיעורים די לעצטע 50 יאר


ביים חנוכת הבית פונעם בית המדרש אין יבנאל עיר ברסלב


ביים געבן א שיעור מוצאי ראש השנה אין אומאן


שלש סעודות אין יבנאל עיר ברסלב


ביים געבן א שיעור אינעם אלטן בית המדרש אין בארא פארק


ביים געבן א שיעור אין די סוכה אין די נ' יארן


ביים געבן א שיעור אין די ל' יארן